מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

ווּאונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **בהעלותך - שלח** תשפ״ב ◆ עלון מס׳: **91**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### טראכט אויף זיי 'גוט'

אין די וועלט איז דא מערערע מענטשן. עס איז דא מענטשן וואס זייערע מעשים זעען אויס גוט און עס איז דא אזעלכע וואס זייערע מעשים זעען אויס פארקערט ווי גוט.

א איד האט א מצוה פון דן זיין א צווייטן איד לכף זכות. מען דארף טראכטן אז מיר זעען נישט דער גאנצער בילד פאר זיך, אדער אז די פעולה וואס עס האט למעשה פאסירט איז געווען שלא בכוונה, אדער אז נישט דאס האט יענער געטראכט, אבער וואס טוט א איד ווען ער האט נישט קיין ספק אז די פעולה וואס יענער טוט מאכט ער בכוונה רבה און די כוונה איז אים צו שעדיגן, אים צו דערביטערן דעם לעבן, ווייל ער וויל זיך נוקם זיין אין אים, אדער ווייל ער האט אים סתם אזוי פיינט.

אויך דערויף געבט דער רבי אין חובת הלבבות א קלארע הדרכה וויאזוי א איד דארף זיך פירן און וויאזוי דארף ער רעאגירן ווען עס באטרעפט אים אזא מציאות. אין שער הבטחון [פ״ד סוף פון די דריטע חלק] האט דער רבי א שמועס איבער אלע מצבים וואס א מענטש גייט אריבער אין זיין לעבן און אויך וואס מען זאל טון ווען מען באגעגנט זיך מיט אזעלכע מענטשן וואס מען קען זיי מיט רעכט אנרופן 'אויביו חומדיו ומבקשי רעתו'.

דער זארג וואס מיר קענען האבן פון אזא איינער קען זיין פילפאכיג. מיר קענען מורא האבן פאר בזיונות, אדער אז ער וועט אנרעדן און קאליע מאכן פאר די ארומיגע משפחה און בכלל הייבט מען אן צו לעבן אין א ציטער געפיל, ווייל ווער ווייסט וואס ער קען נאך אפטון און מען זוכט וויאזוי מען קען שלום מאכן מיט יענעם אדער זיך באהיטן פון זיינע שאדן.

די ערשטע זאך וואס א איד דארף טון אין אזא צייט איז, עס צו אנקוקן ווי יעדער צווייטער אנדערער פראבלעם וואס עקזיסטירט אין די וועלט. גענוי ווי ווען עס רעדט זיך פון א סארט קרענק אדער א פרנסה שוועריגקייט קוקט ער עס אן אז דאס איז א גזירה משמים און אז ער דארף יעצט עפעס אפקומען און זיך ריינוואשן און אז וואס עס איז נישט באשערט וועט נישט זיין, זאל ער יעצט האבן די זעלבע בליק. ער זאל געדענקען אז אלעס פירט זיך פון אויבן און אז עס איז נישט 'דער' און 'יענער' ווייל וואס עס איז מיר באשערט וועט אנקומען און וואס נישט - נישט, אפילו אז יענער זעט אויס א שרעקעדיגער און איינער וואס האט כוחות צו קענען שלעכטס טון מיט א צווייטן.

אז מען וועט קוקן אזוי וועט יענער מער נישט זיין דער שלעכטער. אנשטאט דעם וועט מען יענעם אנקוקן מיט א פאזיטיווער בליק און מעגליך אז מען וועט אים אפילו קענען א טובה טון.

נאך א מעלה וואס מען פארדינט ווען מען קוקט אן די זאך מיט א ריכטיגער בליק איז אז אנשטאט טראכטן פון יענעם וועט מען אנהייבן טראכטן פון זיך אליין. מען וועט זיך מאכן אן אייגענער חשבון הנפש וויאזוי קוק איך אליין אויס און וואס דארף איך פאררעכטען. מען וועט אנהייבן צו פארשטיין אז דאס איז א רוף פון הימל און א כפרה פאר מיר, אז איך זאל אנקומען אויף יענער וועלט אויסגעלייטערטער ווי יעצט.

אנשטאט צו בעטן קעגן יענעם וועט מען אנהייבן בעטן ביי השי״ת אויף כפרת עוונות און דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו א ישועה, ווי דער פסוק זאגט 'ברצות השם דרכי איש גם אויביו ישלים איתו.

אז מען טראכט אזוי קען מען אויך אנקומען אזוי ווייט ווי צו טראכטן גוט אויף די וואס טראכטן שלעכטס אויף מיר. חז״ל זאגן מגלגלין זכות על ידי זכאי, און פארקערט איז פארקערט, און מען קען אנהייבן רחמנות צו האבן אויף יענעם.

דער יסוד איז קלאר. אז מען קוקט עס אן מיט א ריכטיגער בליק שוויצט מען עס בעסער אדורך און מען באקומט כלים צו קענען עומד זיין אין די נסיון.

יעדער איד האט זיך זיינע כוחות צו קענען עומד זיין בנסיון און לויט די כוחות פראבירט מען אים אויס. עס איז דא א איד וואס איז געפארן ל״ג בעומר קיין מירון און נאכ'ן זיין שעה'ן לאנג אונטערוועגענס האט ער זיך געטראפן צוריק אין שטוב. אזא איד קען זיין מלא טענות אויף די גאנצע וועלט אבער ער קען אויך פארשטיין אז עס איז געווען א נסיון און פון הימל איז מען אים מנסה און עס איז פאר זיין טובה וועגן און אז מען לעבט מיט אזא בליק פארדינט מען די תועלת'ן פון די זאך.

מער דערוועגן אין דעם קומענדיגן גליון בעזר השם.

[ארויסגענומען פון שיעור 156 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### ווער עס איז מכיר טובה - דער בעט

ר' משה האט נישט געקענט צוקוקן די ענגשאפט אין וואס זיין זון ר' יעקב לעבט.

ר' יעקב איז געבענטשט געווארן מיט א לעכטיגע שטוב פון קינדער. אזויפיל ווי פערצן קינדער האט ער געהאט און די אלע קינדער האבן געוואוינט צוזאמענגעשטופט אין א פיצעלע דריי צימערדיגע דירה.

ר' יעקב האט זיך נישט געקענט ערלויבן עפעס בעסער. זיינע אומשטענדן האבן אים נישט ערמעגליכט צו טראכטן פון עפעס גרעסער, אבער ביי זיין טאטע ר' משה איז דער מצב געווען פול בעסער.

ר' משה איז נישט געווען קיין עושר אבער ער האט שיין פארדינט און נישט קענענדיג צוזען וויאזוי זיין קינד מוטשעט זיך האט ער באשלאסן אז ער גייט אים העלפן, אן וואס ער זאל וויסן.

פאר עטליכע יאר אין איין ציה האט ר' משה געשוויצט. א פרוטה נאך א פרוטה האט ער זיך אפגעשפארט און ווען ער האט שוין געהאט גענוג געלט האט ער איינגעהאנדלט א זיבן צימערדיגע דירה פאר זיין זון אין די סאמע בעסטע געגענט וואו זיין זון גלייכט.

נאכ'ן שרייבן קאנטראקט איז ר' משה ארויפגעלאפן מיט איין שמחה צו זיין יאנקעלע.

״איך האב דיר געקויפט א ריזיגע דירה, עס האט זיבן צימערן, א גרויסער דיינונג רום, עס איז אין די געגענט וואו דו האסט ליב״.

ר' משה האט ערווארטערט צו זען ווי זיין זון ווערט אויסערזיך פון התרגשות, אבער אנשטאט אז ער זאל אויפשיינען האט ער נישט ארויסגעוויזן קיין טראפ שמחה.

אויך דער זיך באדאנקען איז געווען נאר יוצא צו זיין, ווי איינער זאגט אז איך מוז דיר דאנקען.

דער טאטע איז געווען אביסל שאקירט אבער די גרעסטע שאק האט ער געכאפט ווען זיין זון האט מיט פאטאס געגעבן א רוף אויס הויך.

״טאטע, איך ווייס אז דו מיינסט גוט, אבער כ'וויל נישט די דירה. ווען עס ווענדט זיך ווען אין מיר וואלט איך געבליבן אין די אלטע דירה, אבער וואס זאל איך טון? אז דו האסט עס אזוי געמאכט, מוז איך אהינגיין״.

עס איז גרינג זיך פארצושטעלן די הרגשה פון ר' משה. אין איין ווארט איז זיין זון א 'כפוי טובה'.

דא שטייט א טאטע און הארעוועט אריין יארן לאנג פאר זיין זון און זיין זון הייבט עס נישט אן צו שעצן. דו טוסט מיר נאך א טובה אז דו נעמסט עס אן.

מיט די מעשה געבט דער הייליגער מהר״ל אין זיין ספר גור אריה אין פרשת בראשית [ב, ה] צו פארשטיין די יסוד התפילה.

רש״י זאגט אין פרשת בראשית אז השי״ת האט נישט אראפגעשיקט רעגן פון הימל ביז ווען אדם הראשון איז געקומען צוגיין און אנערקענט די גוטסקייט פון רעגן.

אדם הראשון האט געוואוסט אז רעגן איז א גוטער זאך און געבעטן דערויף.

שמועסט דער מהר״ל אויס אז עס איז נישט גענוג געווען אז אדם הראשון האט אנערקענט אין די מעלה פון רעגן, אויך נאכדעם וואס ער האט אנערקענט אין דעם, האט ער מתפלל געווען אויף איר און נאר נאכדעם איז אראפ רעגן פון הימל.

און ווי עס איז זיין לשון: אז ווען ער וואלט נישט מתפלל געווען אויף איר, וואלט זיכער נישט געקומען קיין רעגן, ווייל אז דער מענטש האט דאך יא אנערקענט ווי וויכטיג עס איז און פונדעסטוועגן האט ער נישט מתפלל געווען אויף איר, איז ער זיכער א כפוי טובה.

דער מהר״ל לערנט אונז אויס אז עס איז נישט גענוג אז א מענטש זאל אנערקענען אין די זאך אז עס איז גוט. מען וועט נאר באקומען די זאך אז מען בעט דערויף. דער רבוש״ע וויל אונז געבן גוטס, אבער ער ווארט אויף די הכרת הטוב, אז מען זאל וועלן די גוטס און דער וועלן וועט נאר זיין מיט'ן בעטן, אז מיר וועלן בעטן און זאגן אז מיר ווילן עס.

דערמיט לערנט אונז דער מהר״ל אויס דער יסוד פון תפילה. די תפילה איז א הכרת הטוב. מיט די תפילה אנערקענט מען די טובה, עס איז אויך דא דארט די הודאה, לאמיר עס דערהערן און מתפלל זיין אויף יעדן זאך ווייל הקב״ה איז מתאווה לתפלתן של צדיקים. [ילקוט שמעוני רמז תתעד]

א גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרווען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## מען קען נישט מקדים זיין אדער פארשפעטיגן

מיין נאמען איז יעקב כהן. איך האב געהאט די זכות צו ארבעטן אויף די ניגון פון שבעת התנאים וועלכער מען קען הערן אויפ'ן השגחה פרטית האטליניע אויף נומער 5 נאכ'ן אויסוועלן די שפראך, און כ'וויל ענק מיטטיילן וויאזוי דער ארבעט אויפ'ן ניגון האט מיר צוגעפירט צו א זעלטענע השגחה פרטית.

די קאר וואס איך האב איז אן עלעקטערישע קאר. עס איז א סארט קאר וואס פאדערט נישט קיין גאז נאר עלעקטריציטעט. אז עס זאל זיין פול דארף מען לייגן אנפולן די באטערי. עס איז דא אסאך ערטער וואו מען קען עס אנפולן אבער פארשטייט זיך אז די בעסטע פלאץ עס אנצופולן איז אין די גאראדזש נעבן שטוב.

נאך איידער איך בין אריין אין מיין נייע דירה אין רמה ד' אין בית שמש האב איך געבעטן פון דער בויער אז ער זאל מיר אנגרייטן אן ארט וואו איך קען אנפולן די קאר. דער בויער האט בשום אופן נישט מסכים געווען. ער האט געהאט א רייע פון תירוצים ווען דער סך הכל איז קלאר אז ער גייט מיר נישט איינשטעלן אזא סערוויס. זעענדיג אז מיט'ן בויער וועל איך נישט אויסקומען האב איך אנגעהויבן זוכן איינער וואס קען עס מיר מאכן.

איך האב געטראפן אן ארבעטער. יענער האט מסכים געווען עס צו מאכן אבער ער האט געהאט איין באדינג אז איך מוז אים צאלן אלעס פון פאראויס. איך האב זיך געקווענקלט אבער איך האב נישט געהאט קיין אנדערע ברירה און איינגעשטעקט דאס געלט.

אין אנהייב האט דער ארבעטער פיין געארבעט אבער אין א געוויסער שטאפל איז ער נעלם געווארן און מען האט אים מער נישט געזען. איך בין יעצט געווען איבערגעצייגט אז די זאך איז א געענדיגטער, איך האב דערלייגט מיין געלט.

איך האב געבעטן דער ארבעטער ער זאל קומען, אבער ער האט געהאט אסאך תירוצים און דער זאך האט אויסגעזען פארפאלן. עס איז געווען פאר פסח און איך האב אים געקלינגען און ער זאגט מיר אז ער וועט קומען חול המועד.

איך האב זיך געפריידט אז ענדליך קומט ער שוין. עס איז טאקע חול המועד אבער עס איז א דָּבָר הָאָבֵד. ענדע האב איך חזר'נדיג די זיבן תנאים זיך בארעכענט אז ניין! איך גיי אים נישט רופן, ווייל מיר ווייסן דאך קלאר

## הבא לטהר איז מען מצליח בידו

א וואונדערליכער מעשה האט דערציילט דער בארדיטשוב'ער רב הרה"ג ר' יעקב יוסף ווערצבערגער שליט"א.

מיר ברענגען עס דא אראפ שטייענדיג אין א צייט ווען די אידן אין אוקראיינע קוקן ארויס אויף רחמי שמים און דארפן זכותים.

דערציילט הרב ר' יעקב יוסף די פאלגענדע:

עס איז געווען מיט א שטיק צייט צוריק ווען מען האט זיך געגרייט אין די שטאט בארדיטשוב צו אוועקשטעלן א מקוה טהרה פאר די ארטיגע אידן. ווי יעדער ווייסט איז דער אוועקשטעלן א מקוה טהרה פארבינדן מיט אסאך קאמפליצירטע הלכות און עס פאדערט זיך אויך איינער וואס איז אויסגעקאכט אין די טעכנישע ענינים און אזוי ווי נישט יעדער קען זיך אויס אין ביידע זאכן וועט מען אלעמאל אריבערברענגען א מומחה פון דער פרעמד.

זוכנדיג נאך א פאסיגער מומחה איז ארויפגעקומען דער נאמען פון דער מומחה הרה"ג ר' יהודה לייב מינצבערג שליט"א.

הרב ר' יעקב יוסף האט זיך געגרייט פאר דער אונטערנעמונג, נאר אזוי ווי דער אריבערברענגען אהער אזא מומחה איז פארבינדן מיט מערערע שוועריגקייטן און עס קאסט אויך אסאך געלט ווי צאלן די שפעזן, א האטעל, האט זיך דער זאך געשלעפט.

ביני לביני האט הרב ר' יעקב יוסף געדארפט פארן קיין זיטאמיר פאר די קהילה געברויכן. אנקומענדיג קיין זיטאמיר ווערט ער ערשטוינט, ר' יהודה לייב איז דא!

וואס טוסטו דא? מען האט גערעדט און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז דא צוליב א מקוה וואס די וועד הרבנים פון אייראפע וויל דא אויפבויען.

ווען הרב ווערצבערגער האט אים דערציילט אז אויך אין בארדיטשעוו בויט מען א מקוה, האט ער מסכים געווען צו קומען און האט מכשיר געווען די מקוה.

זייענדיג באגייסטערט פון די אפענע השגחה פרטית אז ווען מען איז מקיים דער הבא לטהר אז מען וויל מטהר זיין אידישע קינדער מסייעין בידו, האט הרב מינצבערג געזאגט צו הרב ווירצבערגער אז אין ארץ ישראל איז דא דער השגחה פרטית ליניע און ער זאל עס דערציילן דארט פאר זיכוי הרבים.

## דער קאנקורענט שיקט מיר קליענטן

עס איז געווען מיט דרייסיג יאר צוריק ווען איך האב געהאנדלט מיט געשירן ציענדיג דערפון מיין חיונה. די געשעפט איז געווען היבש גוטגייענד און איך האב דערפון שיין פארדינט.

אין א טאג זעה איך פלוצלונג ווי קעגן מיר גייט זיך עפענען א נייער געשעפט. אין אנהייב איז מיר נישט איינגעפאלן אז דער געשעפט וואס גייט זיך עפענען גייט אויך געשיר אבער עס האט נישט געדויערט לאנג און איך האב געזען דער בראך, דער נייער געשעפט פארקויפט אויך כלים.

איך האב א קאנקורענץ קעגנאיבער מיר! דער זאך האט מיר זייער נישט געשמעקט, איך האב געטראכט צו מאכן א שטיקל גערודער אבער ענדע האב איך באשלאסן אז איך גיי שווייגן.

א איד דארף זיין שטארק מיט די אמונה! וואס עס איז באשערט פאר דיר וועט דיר אנקומען און קיין איינער נעמט נישט צו דיינע סחורה. איך האב זיך געשטארקט אין די אמונה און פארבירט אנצוגיין מיט מיין סדר היום.

אין א טאג קומט אריין אין געשעפט א איד. דער איד דערציילט מיר אז ער עפענט אין די טעג א פרישע קעטערינג און ער דארף כלים. ער האט באשטעלט א ריזיגער ארדער און איך האב געלייזט דערפון זייער אסאך געלט, האבנדיג צו לעבן אויף דעם אפאר חדשים.

עס איז מיר געווען מאדנע פארוואס דער איד קויפט אלעס איין ביי מיר. איך האב אים נישט געקענט. איך האב אים א פרעג געטון. זאגט ער מיר אז ער פלעגט איינקויפן אין א געוויסער געשעפט אבער גייענדיג צו יענער געשעפט האט ער געזען דארט א צעטיל אז די געשעפט איז אריבער אויף די גאס און ער איז אהערגעקומען קויפן.

פאר דעם איד איז נישט איינגעפאלן אז ער איז נישט ביי די ריכטיגע געשעפט, אבער איך האב זיך געלערנט פון דעם אז דער נייער געשעפט האט זיך נישט געכאפט אז איינגעטליך שיקט ער מיר קליענטן.

## א אומלאגישע הצלחה

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך און מיין שוואגער ארבעטן צוזאמען האנט ביי האנט. מיר ביידע זענען אין די ליניע פון די סאלאטן. מיין שוואגער האט א געשעפט וואו מען פארקויפט אלע ערליי סאלאטן און איך פראדוציר סאלאטן.
דער סדר איז אז מיין שוואגער קויפט איין ביי מיר גרויסע קוואנטומס, און ביידע לייזן דערפון געלט.
אין א טאג בין איך געווען אויף א באזוך ביי מיין שוואגער אין געשעפט איז מיר געווארן שווארץ פאר די אויגן. איך גיב א קוק און איך זעה ווי זייטיגע צו מיינע סאלאטן ליגט אויסגעלייגט פושקעס סאלאטן פון מיין קאנקורענץ.
"וואס גייט דא פאר? פון ווען נעמט מיין שוואגער ביי מיין קאנקורענץ?"
עס האט מיר זייער פארדראסן. איך האב טאקע נישט געהאט קיין געשריבענער אפמאך מיט מיין שוואגער, אבער עס האט מיר ווי געטון. איך האב געטראכט צו רעדן וועגן דעם אבער איך האב באשלאסן אז איך גיי זיך איינהאלטן.
רעדנדיג מיט מיין בני בית וועלכע איז א טייל פון די סאלאט פראדוקציע, האט זי מיר געמוטיגט זיך צו שטארקן אין די אמונה און עס מקבל זיין באהבה. איך האב איר געפאלגט און מיר האבן זיך געשטארקט און מתפלל געווען להצלחה.
נאך אין דעם זעלבן טאג קלינגט מיר אריין מיין שוואגער און זאגט מיר אז ער ווייסט נישט וואס דא האט פאסירט, אבער אלע מיינע סאלאטן האבן זיך געענדיגט און ער דארף דרינגענד האבן נאך.
ער האט געוואלט וויסן צי איך קען אים סופלייען נאך? עס איז געווען אויפפאלענד אבער איך בין געווען זיכער אז דאס איז בזכות האמונה, אז מען שטארקט זיך אז אלעס איז פון אויבן, איז מען זוכה להצלחה יתירה.

## דער פונקטליכער סייז

עס דערציילט א מאמע פון א שטוב מיט מיידלעך:
בחסדי שמים האב איך א שטוב פון מיידלעך. דער אויסרישן אלע מיידלעך און אז אלע זאלן גייען גוט אויסגערישט איז נישט א גרינגע אויפגאבע, און וועגן דעם ווען איך האב געהערט אז עס איז דא א ספעציעלער ביליגע אויספארקויף פון קליידער האב איך זיך איינגעשריבן אין איר.
איך האב באשטעלט סחורה און צו די באשטימטע צייט איז עס אנגעקומען אבער עס האט געפעלט איין קלייד פון איין סייז. וועלענדיג אז יעדער זאל זיך קענען באנייען האט עס מיר זייער ווי געטון און איך בין אריין אין א געיעג צו טרעפן דער סייז נומער וואס פעלט מיר.
איך האב איבערגעדרייט וועלטן, אבער איך האב געטאפט א וואנט.
אין א געוויסער שטאפל האב איך זיך מתבונן געווען. איך בין אנגעקומען צו די אנערקענונג אז איך האב שוין געטון גענוג השתדלות פון מיין זייט, און אנשטאט פרעגן דעם און יענעם האב איך אנגעהויבן מתפלל זיין צו השי"ת אז ער זאל מיר העלפן.
איך האב א שוועסטער מיט וועמען איך בין זייער נאנט. זי האט מיטגעהאלטן די גאנצע זוכעריי. אין א טאג רופט מיר זי אן מיט איין שמחה אז זי האט געטראפן כמעט א גוטער נומער.
איך האב געדארפט א סייז נומער זיבן און זי האט געטראפן נומער זעקס.
וואס טוה איך מיט א זעקסער? איך דארף דאך א זיבענער? איך האב ווייטער געדאווענט צום אויבערשטן, און עס האט נישט געדויערט לאנג, און די ישועה איז אנגעקומען.
מיין שוועסטער נעמט אן שניידעריי" ארבעט. פון די געגענט קומט מען צו איר בעטן אז זי זאל צושניידן קליידער. אז עס פעלט אויס צו פארגרעסערן וועט זי פארגרעסערן אדער צו פארקלענערן וועט זי עס פארקלענערן.
אין א טאג קומט צו איר א פרוי און בעט איר צי זי קען פארקלענערן א קלייד. מיין שוועסטער קוקט אויפ'ן קלייד און גלייבט נישט, מען רעדט פון יענער קלייד.
"דארפסט נישט פארקלענערן. איך האב פאר דיר א זעקסער. דו געב מיר די זיבענער".
די פרוי האט זיך מוראדיג געפריידט. פונקט דאס האט זי געוואלט און פון הימל האט מען געפירט אז זי זאל מיר עס קענען געבן.

אז איינער פון די זיבן תנאים איז צו גלייבן אז מען קען נישט מקדים זיין וואס עס גייט קומען שפעטער.
פסח האב איך נישט געקלינגען, אבער אסרו חג האב איך אים געקלינגען און צום וואונדער האט ער געזאגט אז ער קומט צוגיין. דאסמאל האט ער געהאלטן ווארט, ער איז געקומען מיט זיינע חברים און געענדיגט די ארבעט, און כ'בין געווען זיכער ביי מיר אז דאס האט צו טון מיט די התחזקות אין אמונה און קבלה טובה אז איך גיי זיך נישט באשעפטיגן דערמיט אין די חל המועד טעג.

## נאך דער באשעפער קען

אויב עס איז דא עפעס וואס כ'ווינטש פאר די שונאי ישראל איז עס די אלערגיע וואס קומען און גיין ווען די סעזאנען טוישן זיך.
עס איז א באקאנטער שוועריגקייט. מען ווייסט פון דעם אין גרויסן. מען ווייסט אויך אז עס איז דא שווערע פעלער פון דעם און גרינגערע, און ביי מיר איז עס אזוי שווער אז עס שטערט מיר ממש מיט'ן טאגטעגליכער ווירטשאפט.
איך האב שוין איבערגעדרייט א וועלט עס צו לעזן. איך האב שוין געשלינגען אסאך מעדיצינען און גערעדט מיט אלע ערליי מומחים אבער קיין איינער האט מיר נישט געקענט העלפן.
איך בין געוואוינט אז די אלערגיע קומט צו גיין אין די פרילינג סעזאן אבער די יאר צו מיין שווערע מזל האט ער זיך אנגערוקט פריער. ער איז שוין דא געווען אנהייב אדר א'. זעענדיג אז ער איז דא פריער האב איך זיך זייער פארלוירן. נאר דאס פעלט מיר אויס ער זאל זיין דא נאך לענגער.
וויסענדיג אז בדרך הטבע קען מען גארנישט טון האב איך זיך געוואנדן צום באשעפער און זיך אויסגעוויינט פאר אים אויף די צרה, און צומארגנס האט דער וואונדער פאסירט.
איך בין אויפגעשטאנען דעם נעקסטן צופרי' און עס איז מער נישט געווען קיין זכר צו די אלערגיע, מען האט אין הימל אנגענומען מיין תפילה.
איך האב זיך דאן מתבונן געווען א מוראדיגע זאך. עס איז דא א שוועריגקייט אין שטוב מיט א געוויסע ארבעט וואס מיין בני בית ארבעט. זי ארבעט שוין דארט יארן לאנג און באקומט די קלענסטע געהאלט. איך האב שוין איבערגעדרייט א וועלט און גארנישט האט נישט געהאלפן און דא איז אלעס אוועק מיט איין תפילה.
די סיבה איז, בין איך אנגעקומען צו די מסקנא, ווייל דא, ביי דעם אלערגיע האב איך געוואוסט אז עס איז נישט דא וואס צו טון און כ'האב מתפלל געווען מעומקא דליבא און אזא תפילה נעמט מען גלייך אן, אבער דא, ביי די געלט, בין איך איינגערעדט אז איך קען עפעס טון, איך וועל רעדן מיט דעם און יענעם, און וועגן דעם ווארט מען נאך אויף די ישועה.

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

א איד ווייסט אז וואס השי"ת טוט איז גוט. אויב אזוי וואס איז דער ענין פון דאווענען און בעטן? אויב השי"ת פארשטייט אז עס איז גוט פאר מיר וועט ער עס מיר געבן און אויב פארשטייט השי"ת אז עס איז נישט גוט, וואס א טעם האט צו בעטן אויף דעם. מיין שאלה ווערט שטערקער זעענדיג ווי מען ברענגט צו בשם צדיקים אז די צייט איז מסוגל פאר דעם און יעצט פאר דעם. וואס איז שייך א סגולה אויב עס איז נישט גוט פאר מיר?

שאלה נומער 43 — א.ז. לאנדאן

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## דער קיום העולם איז תלוי אין תפילה

דער שואל האט געפרעגט זיין שאלה מיט א מסקנא אז דער וועג צו דערגרייכן א זאך גייט דורך תפילה, און מיט דער יסוד האט ער געוואלט פארשטיין וויאזוי ארבעט די תפילה, אבער דער אמת איז אז דאס איז נישט ריכטיג, ווייל תפילה איז נישט נאר אויסצו'פועל'ן זאכן וואס מען דארף האבן, תפילה איז עפעס וואס עס פעלט זיך אויס פאר'ן קיום העולם. מיר טרעפן מערערע מאל אין חז"ל אז די וועלט האט געווארט אויף תפילה. חז"ל זאגן אונז דער יסוד נאך בריאת העולם, אז די וועלט האט געווארט אויף רעגן און עס איז נישט געגאנגען קיין רעגן ווייל מען האט געווארט אויף תפילה. די זעלבע זאך זאגט די גמרא אין יבמות [ס"ד] אז וועגן דעם זענען אונזערע עלטערן געווען עקרות כדי מען זאל מתפלל זיין. דער מהות פון א מענטש איז תפילה. די דורשי רשומות האבן געזאגט בדרך רמז אויף די גמרא אין בבא קמא [ג] מבעה זה אדם! און מבעה איז מלשון בעטן אין אראמיש, עס קומט מרמז צו זיין אז מבעה - בעטן זה אדם איז דער מענטש.

## דער ענין פון תפילה

אין די ספרים הק' ווערט געברענגט אז דער באדייט פון דער ווארט תפילה איז מלשון חיבור על שם פון דער פסוק אין בראשית [ל.ח] נפתולי אלוקים נפתלתי עם אחותי און ווי רבי מנחם בן סרוק טייטשט דארט מיינט עס אז איך האב זיך באהאפטן מיט מיין שוועסטער. דורך תפילה זענען מיר זיך מתחבר צום בורא כל העולמים, מען געבט ארויס דער קשר וואס מיר האבן צום רבוש"ע, אז מיר זענען אנגעהאנגען אין אים און נאר אין אים און פארלאזן זיך אויף אים.

דער באשעפער האט א נחת רוח אז מען דאווענט פאר אים. די תפילה איז כנגד הקרבן און די קרבנות זענען אן אשה ריח ניחוח פאר השי"ת.

דער דאווענען און מתפלל זיין ברענגט צו דער מענטש אז ער זאל זיין א בעסערע מענטש

אין ספר העקרים [פרק יח] פרעגט ער דיין שאלה אז ממה נפשך אויב עס איז נגזר געווארן אויף א מענטש עפעס וויאזוי קען זיין אז די תפילה זאל טוישן דער זאך? ער געבט צו פארשטיין אז לעולם איז די תפילה נישט משנה די גזירה, די תפילה גרייט אן דער מענטש ער זאל ווערן א בעסערע מענטש.

ער זאגט אז עס קומט אראפ שפע פון אויבן אבער נישט אלעמאל איז דער מענטש ראוי צו באקומען די שפע און אויב ער וועט זיך נישט אנגרייטן וועט ער דורכדעם מונע זיין די טובה פון זיך ווי למשל אז א מענטש וועט מתפלל זיין עס זאל ארויסגיין תבואה אבער יענער יאר וועט ער נישט איינזייען קיין תבואה און אקערן די פעלד. אזא מענטש איז פשוט אז עס וועט נישט וואקסן און די זעלבע יאר גארנישט.

ענדליך צו דעם ברענגט דער מהר"ל (גור אריה בראשית ל"ג), אז אויב מען דאווענט נישט באקומט מען נישט די טובה.

אין ספר בית אלוקים פון דער מבי"ט שטייט אז עס ווערט נגזר אויף יעדער זאך וויפיל תפילות א מענטש זאל מתפלל זיין און מען וועט אננעמען זיין תפילה.

אין מאור עינים (ישמח לב, מס' יומא) שרייבט ער אז צומאל איז דא מקטריגים און דורך די תפילה פארטרייבט מען זיי.

## די תפילה איז אז מען זאל זען דער חסד אפענערהייט

אין ספר דגל מחנה אפרים (פרשת וירא) טייטשט ער אויס דער פסוק (תהלים פה ח) "הראנו ה' חסדך" **אז עס איז זיכער אז א מענטש דארף גלייבן אז אלעס וואס השי"ת טוט איז לטובה אבער אסאך מאל מאכט זיך אז דער טוב איז באהאלטן און נישט אפן, און אויף דעם האט דוד המע"ה געבעטן הראנו השם חסדך ווייז מיר דיינע חסדים עס זאל זיין אנטפלעקט פאר מיר.**

## בעט! אז אלעס זאל זיין כרצונו

א מענטש ווייסט קיינמאל נישט וואס איז גוט פאר אים באמת. מיר בעטן פון השי"ת ער זאל אונז מאכן וואס עס איז פאר אים גוט. אזוי ווערט געברענגט אין קדושת לוי (בדרוש לראש השנה, ד"ה 'בנוסח זכרינו לחיים'). ער זאגט אז א מענטש זאל זיין געווארענט אז ווען ער דאווענט זאל זיין תפילה נישט זיין אז עס זאל זיין ווי ער וויל נאר ער זאל בעטן פון השי"ת אז וואס ער דאווענט זאל זיין ווי זיינע חסדים און רחמים, און אזוי ווי עס איז זיין ווילן אזוי זאל ער אונז געבן.

## שאלה פאר גליון 92

איך האב געוואלט פרעגן א כללות'דיגע שאלה. עס טרעפט זיך אסאך מאל אז מען איז אין א גרויסער קלעמעניש. דער נסיון איז זייער שווער ווי למשל אז מען דארף האבן וויכטיג געלט, אדער אז מען איז אין א שעת צרה. וויאזוי דארף זיך א מענטש פירן אין צייט פון א נסיון?

ר.ש. בית שמש

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת קורח. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## וויאזוי פטר'ט מען זיך פון דער נסיון העוני?

חז"ל זאגן אונז שוין אז 'קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף'.

די פרנסה פון א מענטש קומט אן שווער. עס איז דא אזעלכע וואס האבן ממש נישט פון וואו אנצוהייבן און עס איז דא אזאנע וואס האבן יא עפעס אין די האנט, אבער זיי האבן נישט גענוג און מוטשענען זיך אן אויפהער אז זיי זאלן יא האבן גענוג, אבער ביי יעדן איז עס שווער און עס קומט אן מיט א גרויסע הארעווניע.

אסאך מענטשן ווילן וויסן צי איז דא א וועג וויאזוי מען קען זיך פארשפאָרן די שוועריגקייט? אז עס זאל נישט זיין אזוי שווער? דער ענטפער צו די שאלה איז: יא! עס איז דא א וועג.

און אז מיר וייסן שוין אז עס איז דא אזא וועג און מען קען זיך פארמעסטן לאמיר זיך דערגרינטעווען און פארשטיין וואס אזאנס איז אט דער וועג?

דער געדאנק ווערט געברענגט אין ספר 'אור המאיר' פרשת נשא. דארטן קלערט דער אור המאיר אריין אין די מטרה פון דער נסיון העוני און קומט אן צו די מסקנא אז די מטרה פון דער נסיון איז אז דער מענטש זאל ווערן צוגעבינדן צום רבוש"ע און נישט צו פארגעסן דער תכלית וועגן וואס ער איז אראפגעקומען דא אויף די וועלט.

דערמיט טייטשט ער איין די ווערטער וואס דוד המלך האט געבעטן גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך אז דוד המלך האט געוואוסט אז די מטרה פון עניות איז אז מען זאל צוגעבינדן צום באשעפער און ער האט געבעטן פון השי"ת אז ער זאל אים פארשפארן די נסיון און אים צובינדן צו זיך דורך וואס ער וועט אים ווייזן נפלאות פון די תורה.

אויך דער רבינו בחיי אין ספר חובת הלבבות [שער הבטחון פרק ג' ארויסגענומען פון דער פירוש 'לב טוב'] רעדט ארום פון דעם געדאנק און זאגט אז ווער עס וועלט זיך אויס ליבערשט צו זיין אן עובד השם און איז בוחר אין די יראה און פארלאזט זיך אויפ'ן רבוש"ע אין אלע זיינע ענינים סיי ברוחניות און סיי בגשמיות און נעמט אראפ פון זיך די שלעכטע מידות און גלוסט צו גוטע מידות און איז נישט בועט אין השי"ת אויך ווען עס גייט אים גוט און ער לעבט בשלווה און דער יצר הרע איז אים נישט מסית און ער לאזט זיך נישט איבעררעדן צו גיין נאך די תענוגי העולם הזה, וועלכער פאר'כישופ'ן דעם מענטש - אזא מענטש וועט אים השי"ת באפרייען פון די טירחא פון זוכן פרנסה און זיין געלט וועט אים אנקומען במנוחה און וויפיל ער דארף.

עס קומט אויס לויט דעם אז אין דער רגע ווען מיר זענען זיך מחזק באמונה צו זיין סמוך ובטוח נאר אויפ'ן באשעפער וועלן מיר זוכה זיין צו שפע און צו האבן אלעס וואס מיר ברויכן, און ווי דער באר מים חיים זאגט אין פרשת בהר אז בזכות פון די אמונה און בטחון וועט מען מעורר זיין שפע פון אויבן העכער ווי די טבע.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באטראפענער

איך בין שולדיג מיין לעבן פאר השגחה פרטית. מיט צוויי יאר צוריק האב איך געליטן שווערע גייסטישע פראבלעמען. עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז איך האב געמוזט אנקומען אין שפיטאל און נעמען רעגלמעסיג מעדיצינען, אבער פון ווען איך האב אנגעהויבן הערן די השגחה פרטית האטליניע איז שוין אריבער צוויי יאר און איך נעם נישט קיין שום גייסטישע רפואה, די האטליניע האלט מיר ביים לעבן און באפרייט מיר פון די באהאנדלונגען.

### מצד די געבער

מיין אייניקל האט געהאט שוועריגקייטן מיט שידוכים. עס איז געווען א גרויסער פעלער און די ישועה האט זיך זייער שטארק פארזוימט. איך האב צוגעזאגט אז אויב זי וועט ווערן א כלה ביז ראש חודש סיון וועל איך תורם זיין פאר 18 שולן. ברוך השם אז זי איז געווארן א כלה א וואך פאר ראש חודש סיון מיט א פיינער בחור פון א פיינע ישיבה.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען
אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
קלינגט אריין אין אפיס
02-5866-075
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג
און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד


צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה